# עַם סְגֻלָּה



יצא לאור על ידי עסקני
**וועד לחיזוק הדת**
בהתעודדות הרבנים הגאונים שליט״א

חודש כסלו תשס״ג ברוקלין נ.י.

# עַם סְגֻלָּה



נומער 4

בקונטרסים הקודמים קבלנו הסכמות מהרבנים הגאוה"צ שליט"א דלהלן:

- **הגה"צ ר' ישראל חיים מנשה פריעדמאן שליט"א דומ"ץ קיט"ל דסאטמאר**
- **הגה"צ ר' הילל וויינבערגער שליט"א אבד"ק סערדאהעלי ודומ"ץ נייטרא**
- **הגה"צ ר' מאיר טודרוס זילבער שליט"א אבד"ק יאוואשנא**

# הסכמה חדשה

בס"ד

הן הובא לפני קונטרס "עם סגולה" אשר נקבץ בו ענינים נחוצים לעורר לבית יעקב אלו הנשים לתקן גדרי הצניעות, ונקבצו ע"י אברך חשוב מרביץ תורה ויראת שמים, וראוי להפיצם בבתי בני ישראל הכשרים, ובודאי יכנסו ללב הקוראים ויעשו רושם לטובה, ובזכות זה נזכה לקבל פני משיח צדקינו בב"א, והמחבר יזכה עוד לעשות פעלים לחזק בזה קדושת עם ישראל עדי נזכה לביאת גוא"צ.

ובאעה"ח ה' לסדר שלח תשס"ב לפ"ק, פה קרית יואל

**הק' געציל בערקאוויטש**

☞ צוליב די ריזיגע הוצאות פון דעם קונטרס - זעצן, דרוקן, סטעפלען, פּאָסט - בעטן מיר פון אייך אויב ווילט איר אַז אונזער אויסגאַבע זאָל אָנגיין ווייטער אי"ה, אויף די פּאָסט, ביטע שיקט אַריין לכל הפחות דריי דאָלער צום פאָלגענדן אַדרעס, **וכל המרבה הרי זה משובח**

נ.ב. פאַרגעסט נישט אויפצושרייבן **אייער** אַדרעס.

**Am Segila 154 Lee Ave. Brooklyn, N.Y. 11211**

**נדיבי לב וועלכע ווילן זיך באַטייליגן מיט גרעסערע סכומים**
**לזכות את הרבים לעילוי נשמת פון קרובים, ביטע רופט:**

(718) 935-1601

לעילוי נשמת הילדה היקרה
**אסתר הענטשא** ע"ה בת ר' **פנחס שמעי'** נ"י

## דער פסק פונעם ריבטער

עס ווערט דערציילט אַז אין די שטאָט פינסק איז פאָרגעקומען די פאָלגענדע מורא׳דיגע פאַסירונג:

אין אַ געוויסע תקופה איז געשען אין שטאָט פאַרשידענע צרות און טראַגעדיעס רח״ל איינס נאָכ׳ן אַנדערן. יונגע מענטשן זענען ל״ע אַוועק פון דער וועלט איבערלאָזנדיג אלמנות מיט יתומים. די שטאָט לייט זענען געווען צובראָכן און באַזאָרגט איבער דעם מדת הדין וואָס באַהערשט די שטאָט. די קהלה האָט פאַררופן אַן אסיפת התעוררות אין די גרויסע שול, וואו מען האָט געמאַכט אַ גרויסאַרטיגן חשבון הנפש אויף יעדן פרט ופרט. דער באַשלוס איז געווען איינשטימיג אַז די צרות קומען צוליב אַ געוויסע משפחה פון די קהלה, וועלכע די נשים גייען אָנגעטוהן נישט ווי עס פאַסט פאַר אידישע טעכטער.

דער עולם איז אַהיים, און די ועד הקהלה איז געבליבן זיצן טראַכטנדיג אַן עצה וויאַזוי צו לעזן דעם פראָבלעם. איינער האָט אויפגעברענגט אַ געדאַנק אַז מ׳זאָל מאַכן אַ פראָטעסט קעגן די באַטרעפנדע הויז און זיי פאַרשרייען אַז זיי זענען גורם אַלע צרות. - דער געדאַנק איז אָבער אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך די אַנדערע חברים, קענענדיג דעם ראש המשפחה וועלכער איז אַ מקורב למלכות, און אויב מען וועט אים פאַרשעמען, וועט ער זיך נוקם זיין.

דער באַשלוס איז געווען אַז לעת עתה זאָל מען מחזק זיין די גדרי הצניעות ביי די קהלה לייט, יעדער טאַטע זאָל זיך גוט אומקוקן ביי זיין שטוב און מתקן זיין אַלעס אויפ׳ן בעסטן וועג. אָבער בנוגע די באַטרעפנדע משפחה לוינט זיך נישט אָנצוהייבן.

דעם אַנדערן טאָג הערט מען אַ פרישע ביטערע בשורה, אַ יונגער בחור איז פלוצלונג נפטר געוואָרן! ערשיטערט און צובראָכן זענען אידן אַרומגעגאַנגען, אָנרופנדיג דעם נפטר ״קרבן ציבור״, ווייל אַציגד איז שוין קלאָר אַז דער שולד איז צוליב וואָס מען איז נישט מוחה קעגן די משפחה וועלכע גייט געקליידעט אומ׳צניעות׳דיג.

די קהלה האָט באַשלאָסן אַז די לויה פון דעם נפטר וועט פאָרקומען נעבן דעם הויז פון די יעניגע משפחה, אַלס מחאה אויף וואָס זיי ברענגען אַזויפיל אומגליקן אויף די שטאָט.

צו די באַשטימטע צייט איז די גאַס געווען פול מיט מענטשן אנשים נשים

וטף. די מספידים האָבן געוויינט און געשריגן וועגן די ביטערע שטראָפן וועלכע קומען צוליב בגדי פריצות וועלכע פאַרטרייבן די שכינה הקדושה פון צווישן אידן. צום לעצט האָט מספיד געווען דער פינסקער רב - הגאון רבי אלעזר משה הלוי הורוויץ זצ״ל (זיינע חידושים זענען געדרוקט ביים סוף פון די ווילנא ש״ס) - וועלכער האָט געוויינט מיט יאָמערליכע קולות אויף די טייערע קרבנות וואָס מען האָט מקריב געווען אין אַזאַ קורצע צייט צוליב פירצות אין צניעות. דאָס התעוררות איז געווען אין לשער, ביז די לויה איז אַרויס צום בית החיים.

די מורא וואָס די קהלה האָט געהאַט פון דעם ראש המשפחה איז נישט געווען אומזיסט. דעם אַנדערן טאָג האָט דער רב אַליין באַקומען אַ רוף פונעם געריכט הויז זיך צו שטעלן צום געריכט. דער שופט ווענדט זיך צו דעם גאון וצדיק: ״פאַרוואָס עפעס האָט איר באַשטימט די לויה נעבן דעם הויז פון דעם מענטש? דער נפטר איז דאָך בכלל נישט קיין קרוב פאַר אָט די משפחה?!״

רבי אלעזר משה - וועלכער האָט זיך געריסט אויף די פראַגע - ענטפערט דעם ריכטער: ״געערטער ריכטער! איר ווייסט דאָך געוויס אַז דאָס אידישע פאָלק איז אַן אור אַלטע פאָלק. געוויס וואונדערט איר זיך וויאַזוי איז מעגליך אַז אַ פאָלק וועלכע האָט שוין געליטן אַזויפיל גליות און רדיפות פון אַלע זייטן, שטייט נאָך אַלץ אָריגינעל און וועט ווייטער בלייבן בעזהשי״ת? - דער ענטפער איז: ״דער באַשעפער פון די וועלט האָט אונז געשאָנקען אַלטע הייליגע ספרים, וועלכע ווייזן אונז דעם וועג וויאַזוי זיך צו פירן אויף טריט און שריט. ווען מיר פאָלגן וואָס דאָרט שטייט דאַן בליען מיר, ווען נישט דאַן שטאַרבן מיר און מיר זענען פאַרלוירן״.

״אַלזאָ - פירט אויס דער רב - אין דעם ספר וואָס איך האָב דאָ אין די האַנט - וועלכע איז געשריבן פאַר עטליכע טויזנט יאָר צוריק - שטייט אַז צוליב אומ׳צניעות, שטאַרבן יונגע מענטשן. קומט אויס אַז דער מענטש וועלכער שטייט דאָ, ער איז דער ״רוצח״ פון די אַלע יונגע מענטשן וועלכע זענען לעצטנס נפטר געוואָרן. איז דאָך גאָר פאַסיג געווען צו מאַכן די הספדים נעבן זיין וואוינונג, מיט די האָפענונג אַז ער וועט רחמנות האָבן און זיך פאַרבעסערן״.

דער ריכטער איז ווי פאַר׳כישופ׳ט געוואָרן פון די אויפריכטיגע רייד פונעם רב, און ווענדט זיך צו זיין פריינט דער תובע זאָגנדיג: ״דו ביסט דאָך אַ איד, די אידישע תורה מיינט דאָך דיך אויך! די קהלה לייט זענען גערעכט מיט זייער טענה, דו ביסט שולדיג אין זייערע אומגליקן, און זעה זיי צו פאַרגיטיגן!״

## אַ פריינטליכע שמועס...

רחל: וואָס טוסטו עפעס, לאה?

לאה: ברוך השם - עפעס האָסטו צו זאָגן זעה איך. זאָג, האָב נישט קיין מורא. דו ווייסט אַז איך וועל נישט באַליידיגט, אדרבה, איך וואַרט אויף פריינטליכע קריטיק.

רחל: אינטערסאַנט, דו באַמערקסט אַזוי שנעל... זאָג מיר מיין טייערע חבר'טע, פאַרוואָס גייסטו מיט אַ שמאָלע קלייד אויף די גאַס. דו ווייסט נישט אַז אַ אידישע טאָכטער דאַרף גיין מיט לויזע ברייטע קליידונג און נישט אויסגעפאַסט אויפ'ן קערפער?

לאה: מען טאָר נישט, אָדער ס'איז נישט גליך?

רחל: די בית דין צדק פון די עדה החרדית שריבט קלאָר, אַז גיין מיט אַ שמאָלע קלייד אָדער סקוירט גרעניצט זיך מיט עובר זיין אויף דת יהודית!

לאה: דו ביסט אַזוי זיכער אַז מיין קלייד הייסט טאַקע שמאָל? עס זענען דאָ וואָס גייען מיט שמאָלערע.

רחל: אַ טייג וואָס איז געשטאַנען 18 מינוט איז חמץ, כאָטש עס זענען דאָ חמצ'דיגע טייגן וואָס שטייען מער... אַ הינדל וואָס האָט איין לאָך אין די קישקע איז טריפה כאָטש עס זענען דאָ הינדלעך וואָס האָבן אַסאַך לעכער אין די קישקע... אַ קלייד וואָס איז שמאָל איז טריפה כאָטש עס זענען פאַרהאַן נאָך שמאָלערע. דער שיעור פון שמאָל איז פאַרשטענדליך און קלאָר, אויב עס ציינט אַהער דעם פאָרעם פונעם קערפער. עס איז אַ בושה אַזוי צו גיין מיין טייער'ס. גלייב מיר עס טוט מיר פשוט וויי אַז מיין נאָנטע חבר'טע גייט אַזוי.

לאה: יעדער גייט אַזוי, שוין יאָרן וואָס מ'גייט אַזוי. וואָס האָסטו זיך פאַרטשעפעט אויף מיר?

רחל: אַנטשולדיג מיר לאה, דריי טעותים האָסטו יעצט געמאַכט - 1) נישט יעדער גייט אַזוי. הייב אָן צו קוקן וויאַזוי אונזערע ערליכע חבר'טעס גייען. 2) מ'גייט נישט אַזוי יאָרן לאַנג. מ'איז קיינמאָל נישט אַזוי געגאַנגען, נאָר זייט פאַריז האָט די לעצטערע יאָרן באַשלאָסן אַז מ'מוז גיין גראַד און שמאָל אָן קיין פאַלבן (PLEATS). וויבאַלד נאָר פאַריז וועט טוישן די מאָדע וועט זיך יעדער טוישן. 3) אויב האָב איך מיט דיר יעצט געטשעפעט, בעט איך דיך שוין איבער, איך טויש שוין דעם געשפרעך.

לאה: איך ווייס אַז דו מיינסט נישט צו טשעפען, אָבער זאָג מיר, וואָס בין איך שולדיג אַז די געשעפטן פאַרקויפן נאָר דאָס? אדרבה, וויז מיר וואו דו האָסט געקויפט דיין באַ'חנ'טע צניעות'דיגע קלייד?

רחל: ווען איך האָב געקויפט מיין קלייד האָט עס אויסגעזעהן פונקט ווי דיינס, איך האָב עס געעפנט און ברייטער געמאַכט, אַריינגעלייגט געגוג סחורה מיט פאַלבן (PLEATS). אמת, ס'איז גרינגער צו קויפן אַ פאַרטיגע קלייד - זעה צו פאַרלאַנגען פון דיין געשעפטס מאַן אַז ער זאָל אַריינברענגען אַ שיינע אויסוואַל פון בגדי צניעות. ווען עס וואָלט געווען אַ פאַרלאַנג וואָלטן זיי דאָס צוגעשטעלט*. אפשר וואָלטן זיי אפילו צוגעשטעלט אַ שניידערן וועלכע זאָל פאַרעכטן די קליידער פאַר יעדע לויט איר מאָס. אָבער ביז דערוויל איז דאָס פאָרט נישט קיין תירוץ. אויב דו וואָלסט נישט געהאַט אין דיין געגנט ווער עס זאָל כשר מאַכן דאָס פלייש, וואָלסטו געווים אַליין כשר געמאַכט כאָטש עס איז נישט אַזוי באַקוועם. אידישקייט און באַקוועמליכקייט זענען - אין פיל פעלער - אַ סתירה!

לאה: דו האָסט אַביסל איבערגעטריבן מיט דעם וואָס דו האָסט צוזאַמגעשטעלט אַ שמאָלע קלייד צו אומ'כשר'געמאַכטע פלייש.

רחל: איך בין נישט קיין למדן, אָבער אַזויפיל געדענק איך פון הלכות מליחה וואָס מיר האָבן געלערנט אַלס מיידל, אַז אָפּקאָכן דאָס פלייש און אויפעסן אומ'כשר'געמאַכט איז אַן איסור דרבנן (דם שבשלו אינו אסור מן התורה), דאַקעגן אָנטוהן אַ בגד פריצות - האָב איך געלייענט אין מוסר ספרים - איז אַן איסור מן התורה, און דער רמב"ם (פרק י"א מהל' ע"ז הי"א) שרייבט אַז מ'באַקומט דערויף מלקות. זעהט אויס אַז דער דעת תורה איז אַז אַ שמאָלע קלייד איז נאָך ערגער ווי דאָס פלייש.

אויסערדעם, ביי פלייש איז די עבירה אויף זיך זעלבסט, דאַקעגן מיט די דאָזיגע קליידער איז מען מכשיל די מענער, וואָס דאָס איז אַ ביטערע עבירה וואָס ברענגט ביטערע מחלות ל"ע.

לאה: דיינע אופריכטיגע האַרציגע רייד האָבן מיך איבערגענומען. איך זאָג דיר, איך גיי יעצט אַהיים, איך וועל די קלייד בלי נדר מער נישט אָנטוהן אַזוי ווי ס'איז יעצט, און איך האָף צו פאַרעכטן אַלע מיינע קליידער און סקוירטס, כאָטש איך בין אַ פאַרנומענע פרוי.

רחל: געבענטשט זאָלסטו זיין, דער באַשעפער וועט דיר נישט שולדיג בלייבן. איך בעט דיך איבער נאָכאַמאָל אויב איך האָב דיר וויי געטוהן.

לאה: נאָר אַזעלכע מחלוקת ביי אידן...

---

*באַמערקונג פונעם זעצער: אַנטשולדיגט מרת ר. און מרת ל. - זעהט אויס אַז איר האָט נאָכנישט געהערט אַז די היימישע געשעפטן האָבן אין די טעג אַריינבאַקומען אַן אויסוואַל פון הערליכע באַ'חנ'טע סקוירטס, וועלכע זענען איינשטימיג מיט די גדרי הצניעות הונדערט פראָצענט. - אַזוי אויך קינדער קליידונג - אדרבה, גייט קוקן און איבערצייגט אייך אַליינס!

די פאָלגענדע צניעות פונקטן זענען צוזאַמגעשטעלט געוואָרן פאַר עטליכע יאָר צוריק דורך אַ תלמיד חכם מובהק. מיר טוען עס דאָ אָפדרוקן לזכות את הרבים:

## ערקלערונג

די הייליגע תורה מיט אירע מצוות האָבן אין זיך צוויי טיילן: 1) די הלכה׳דיגע טייל. 2) די מהודר׳דיגע טייל. - די הלכה׳דיגע טייל איז אַ פליכט אויף יעדן איד, דאַקעגן די מהודר׳דיגע טייל ווענדט זיך שוין. מיר באַגעגענען טאָג טעגליך אידן פון פאַרשידענע סאָרט קרייזן וועלכע זענען נישט מהדר, זיי טוען בלויז די ״מינימום״, דאַקעגן מיר זענען פון דעם טייל כלל ישראל וואָס זוכט מקיים צו זיין יעדע מצוה מיט אַ הידור, מער וויפיל מיר זענען פאַרפליכטעט פונעם הלכה׳דיגן שטאַנדפונקט.

לאָמיר נעמען אַ ביישפיל די מצוה פון צינדן חנוכה ליכט. די הלכה לויטעט אַז יעדער איד און זיין הויז געזונד דאַרף צינדן איין ליכט יעדע נאַכט פון יום טוב חנוכה, דאָס מיינט אַז מיט איין איינציגן ליכטל איז מען יוצא פאַר די גאַנצע משפחה, דער טאַטע, די בחורים, די קינדער, אַלע האָבן יוצא געווען די מצוה אָן קיין שום שאלה. זאָגן אָבער די הייליגע חכמים ז״ל, אַז איינער וואָס וויל מהדר זיין די מצוה, זאָל ער געבן איין ליכטל פאַר יעדן איינעם אין זיין משפחה, דאָס מיינט ער זאָל צינדן איינס, און יעדער זוהן באַזונדער זאָל צינדן איין ליכטל. דערנאָך איז פאַרהאַן אַ שטאַפּל העכער, די וואָס זענען נאָך מער מהדר און צינדן יעדע נאַכט מער מיט איין ליכטל, דאָס מיינט די ערשטע נאַכט איינס, די צווייטע נאַכט צוויי א.א.וו. אַזוי ווי מיר פירן זיך היינט.

יעצט לאָמיר זיך אַליין פרעגן: ווער פון אונז איז מקיים בלויז די עיקר הלכה לגבי חנוכה ליכט צינדן? אָדער אפילו נאָר די ערשטע הידור פון איין ליכטל פאַר יעדן? קיינער נישט! יעדער איד פון אונזערע קרייזן צינדט יעדע נאַכט איין ליכטל מער!

נאָך אַ ביישפיל: יעדער איד דאַרף לייגן תפילין. עס איז פאַרהאַנען צוויי סאָרטן תפילין, ס׳איז דאָ תפילין לויט רש״י, און דערנאָך איז פאַרהאַן תפילין לויט׳ן רבינו תם. די הלכה לויטעט אַז אַ איד דאַרף לייגן תפילין לויט רש״י׳ס שיטה און מיט דעם האָט ער שוין יוצא געווען. ס׳איז אָבער פאַרהאַן אַ הידור צו לייגן תפילין לויט׳ן רבינו תם׳ס שיטה, דעריבער קויפט זיך יעדער חסיד׳ישער איד נאָך די חתונה נאָך אַ פּאָר תפילין כדי צו לייגן צוויי פּאָר תפילין. אַן

ערשיינונג וואָס אין פילע ערליכע קרייזן עקזיסטירט עס נישט.

אונז האָט מען אַזוי געלערנט, צו זוכן מהדר צו זיין אין מצוות, מיר פוצן אויס די דירה אויף פסח מיט פיל מיה, מיר קויפן נאָר מצות שמורה משעת קצירה, מיר עסן נישט פסח קיין געבראָקטס, מיר בלאָזן הונדערט תקיעות ראש השנה, יעדער באַזונדער קויפט אייגענע ארבע מינים, מיר הענגען נוי סוכה, כאָטש וואָס די אַלע זאַכן באַלאַנגען צום מהודר׳דיגן חלק. איין זאַך וואָס פאַרפליכטעט אונז צו אָט די אַלע ענינים, דער ״**שְׁמַע בְּנִי מוּסַר אָבִיךָ וְאַל תִּטּוֹשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ**״. אַזוי האָבן מיר מקבל געווען פון אונזערע עלטערן און אור עלטערן.

יעצט לאָמיר כאַפּן אַ בליק אויף איין געוויסע מצוה און זעהן וויאַזוי מיר פירן זיך דאָרט, צי זענען מיר מקיים דעם מהודר׳דיגן טייל אָדער בלויז דעם הלכה׳דיגן טייל.

דאָס איז די מצוה פון ״צניעות״:

עס איז באַקאַנט פאַר יעדן איינעם אַז אונזערע עלטערן אין דער אַלטער היים האָבן זיך געפירט בהידור אויך אין די מצוה פון צניעות אַזוי ווי עס זאָגן עדות אונזערע זיידעס און באָבעס. נאָר, דער ביטערער חורבן פון די צווייטע וועלט מלחמה האָט ליידער איבערגעלאָזט אַ צייכן אויפ׳ן כלל ישראל אַז דער צניעות איז נישט געבליבן אַזוי ווי אַמאָל.

אָבער מיר אַלס חסיד׳ישע אידן וואָס זוכן דעם מהודר׳דיגן טייל אין אַלע אונזערע מצוות, דאַרפן דאָ אויך זוכן דעם מהודר׳דיגן טייל ווי ווייט מעגליך. דעריבער האָבן מיר אַראָפּגעשטעלט אַ פונקטליכן סדר, וואָס עס רופט זיך דער הלכה׳דיגער טייל, און וואָס עס באַלאַנגט צום מהודר׳דיגן טייל.

דאָ דאַרפן מיר באַמערקן אַז אין הלכה׳דיגן טייל איז אויך פאַראַן צוויי קאַטעגאָריעס, ס׳איז פאַראַן צניעות לויט וויפיל די הלכה פאַרלאַנגט, און טאַקע ווי עס דאַרף צו זיין אָן קיין שום שאלות, און דאָס ווערט אָנגערופן ״צנועה״ - דאָס מיינט אַ צניעות׳דיגע אידישע טאָכטער. - דערנאָך איז פאַראַן אַ צווייטע קאַטעגאָריע וואָס איז יאָ אַ שאלה, אָבער לויט׳ן מצב פונעם דור קען מען מקיל זיין, דאָס ווערט אָנגערופן ״נישט פרוצה״ - דאָס מיינט זי גייט נישט פריצות׳דיג, עס קען נאָך ווערן אָנגערופן אויסגעהאַלטן לויט די הלכה.

אָט אַזוי ווערט פאָרגעשטעלט פאַר אונז די פאָלגענדע דריי כאַראַקטער:

1) נישט פרוצה: 2) צנועה: 3) מהדרין.

עס איז איבריג צו באַטאָנען אַז ס'איז פאַרהאַן נאָך שטאַפּלען אין דעם הינזיכט, ס'איז דאָ "מהדרין מן המהדרין" וואָס איז גאָר אַ חשוב'ע מדריגה, אַזוי ווי אונזערע הייליגע אמהות זענען געגאַנגען און אַזוי ווי אַלע אידישע פרויען וועלן גיין געקליידעט נאָך ביאת המשיח. דאַקעגן איז אויך פאַרהאַן אין קאָנטראַסט קליידונג וואָס רופט זיך "פרוצה" - אָבער מיט די דאָזיגע צוויי פונאַנדערגעשיידטע קאַטעגאָריעס וועלן מיר זיך אַצינד נישט באַפאַסן.

**וויכטיגע צניעות פונקטן:**

- זיך נישט אָנשמעקן מיט פערפיום א.ד.ג. פאַר'ן אַרויסגיין אויף די גאַס.
- נישט גיין מיט קיין שליץ אין קלייד (אפילו אַ קליינע שליץ, אַ פאַלשע שליץ).
- נישט גיין מיט קליידער און דאָסטערס פון KNIT סחורה.
- נישט אָנטוהן אַזאַ שטוב טורבאַן וועלכע לאָזט אָפן ח"ו אַביסל פונעם קאָפּ.
- זיך ריקן אין די זייט ווען אַ מאַן קומט אַנטקעגן (איבערהויפּט ווען דאָס פּלאַץ איז ענג צ.ב.ש. אין געשעפט).
- נישט גיין און שטיין אומזיסט אויף די גאַס, נאָר מקיים זיין כל כבודה בת מלך פנימה, זיך צו געפינען אינעווייניג אין הויז.
- אַרויסגיין פון ווייבער שול באַצייטנס פרי, כדי עס זאָל נישט צוקומען צו תערובות ח"ו.
- נישט רעדן און לאַכן הויך קעגן פרעמדע מענער אָדער אויפ'ן גאַס (אַזוי אויך זיך נישט באַנוצן מיט קיין CELLULAR אָדער CORDLESS טעלעפאָנען אין די עפנטליכקייט).
- נישט רעדן איבריגע רייד מיט פרעמדע מענער.
- לערנען די טעכטער פון 3 יאָר און העכער וויאַזוי זיך אויפצופירן בצניעות, זעהן אַז די קליידלעך זאָלן גרייכן ביז אונטער די קני. אַכטונג געבן אַז די קליידלעך זאָלן זיך נישט אויפהייבן העכער די קני בשעת'ן שפּילן א.ד.ג.
- נישט לאָזן די טעכטער פאָרן מיט אַ בייק.
- נישט לאָזן אַריינדרינגען די גוי'אישע סאָרט ניגונים אפילו ווען זיי זענען באַפּוצט מיט אידישע ווערטער, ווייל זיי זענען אין קעגנזאַץ צו די געפילן פון אידישקייט און ערליכקייט.
- לערנען די קינדער אַז דער עיקר איז אויספּוצן די נשמה, נישט דעם גוף! זייער שטרעבן זאָל זיין אמונה ובטחון, מדות טובות, גמילות חסדים, צניעות, יראת שמים, נישט לייגן דעם קאָפּ אין קליידונג און פוצעריי.

| | נישט פרוצה | צנועה | מהדרין |
|---|---|---|---|
| קאָלירן פון די קליידער | אַלע קאָלירן וואָס זענען נישט שרייעדיג (שרייעדיג מיינט: רויט, האַט פינק, לייב קאָליר א.ד.ג.) | טונקלע פאַרבן (ד.מ. שוואַרץ, טינקל בלוי, טינקל גרין, טינקל ברוין, טינקל גרוי) | שוואַרץ |
| שטרימפ | 60 דיק, און גיט אַכט צו ניצן די ריכטיגע סייז, אַז עס זאָל נישט זיין אויסגעצויגן | 100 דיק<br>[לפי פקודת הגה״ק מסאַטמאַר זצ״ל גייט מען מיט אַ ״סים״ (נאַט)] | מיט צוויי פאָר זאָקן |
| קאָליר פון די שטרימפ | טינקל ברוין (ד.מ. נישט לייב פאַרב ח״ו) | גרעי אָדער smoke | דיקע שוואַרצע שטרימפ |
| צודעק אויפן קאָפ [זעלבסט פאַרשטענדליך אָפּגעשוירן די גאַנצע האָר כהוראת רבותינו הקדושים זצ״ל] | [וויבאַלד דער דאָזיגער קאַלום איז אַ האַקלער, וועלן מיר דאָ אויסלאָזן די אויבערשטע טיטלען, און בלויז אויסרעכנען די מדריגות פון אונטן אַרויף]<br>1) קורצע שייטל נישט קיין human hair. 2) קורצע שייטל צוגעדעקט מיט אַ ווייכע היט נישט קיין אויפפאַלענדע. 3) נאָר אַ פראָנט שייטל. 4) געדריוולטע זייד מיט צניעות׳דיגע טיכל, אָדער צניעות׳דיגע טורבאַן. 5) אומגעדריוולטע זייד מיט צניעות׳דיגע טיכל. 6) דאָס חשוב׳סטע: בלויז מיט אַ טינקלע טיכל גוט פאַרדעקט דעם קאָפּ. | | |
| פאַרבן דעם פנים | פאַרבט זיך נישט נאָר צומאָל צוריקצוברענגען דעם אָרגינעלן קאָליר, די אויגן קיינמאָל נישט | פאַרבט זיך קיינמאָל נישט, נאָר אין גאָר אויסנאַם אומשטענדן | רירט נישט צו צום פנים מיט פאַרב [שֶׁקֶר הַחֵן וְהֶבֶל הַיֹּפִי אִשָּׁה יִרְאַת ד׳ הִיא תִתְהַלָּל] |
| גיין מיטן מאַן אויף די גאַס | אָפּגערוקט | אונטערן מאַן | אָפּגערוקט אַסאַך אונטערן מאַן |
| האָר פון די מיידלעך | קורצע האָר (נישט צו קורץ) | צוזאַם גענומען | געפלאָכטן |

| | נישט פרוצה | צנועה | מהודרין |
|---|---|---|---|
| לענג פון די קליידער | אייביג פיר אינטשעס אונטער די קני (ביים זיצן, גיין, שטיין, בייגן) | 2/3 (אָדער כאָטש רוב) פון נאָך די קני איז פאַרדעקט | ¾ פון נאָך די קני איז פאַרדעקט |
| לענג פון די ערמל | 4 אינ. נאָך די עלנבויגן איז פאַרדעקט | ביז די הענט געלענק (wrist) | לייגן קנעפל cuff אָדער גומי ביים האַנט געלענק |
| ברייט פון די טאַפּ | גאָר ברייטע פאָלעווער | אַ בלאָוז אונטער דעם פאָלעווער אָדער אָנטוהן איבערן פאָלעווער אַ "צוגעמאַכטע" וועסטל אָדער דזשעקעט | גייט בכלל נישט מיט קיין "ניט" סחורה |
| ברייט פון די סקוירט | מינימום פון 4 ביז 6 אינ. מער פונעם קערפער, לענגאויס דעם קלייד, און ביי די קני און אַראָפּ ווערט עס ברייטער מער ווי אויבן (אויב נישט ווערט דאָס קלייד זייער שמאָל בשעת'ן "גיין") | די אויבערשטע טייל פונעם סקוירט איבערגעדעקט מיט אַ לאַנגע צוגעמאַכטע וועסט אָדער דזשעקעט<br>אונטן - אַמווייניגסטנס 16 אינ. ברייטער ווי דער קערפער (דורך Gathered, A-Line אָדער Pleats), (צו אַ Straight Skirt איז צוגעלייגט לכה"פ צוויי טיפע און הויכע Pleats) | אַסאַך ברייטער פונעם קערפער.<br>מהדרין מן המהדרין: איבערגעדעקט שטענדיג מיט אַ לאַנגע טינקעלע צוגעמאַכטע מאַנטל אָדער מיט אַ שאַל |
| ביים האַלז | פון פאַרנט איז פאַרדעקט דער ביין, ביי די זייטן אַביסל אַריינציר פונעם לויף פון די קייטל, ביים רוקן דער ערשטער ביין (חוליא) פון די שדרה | מיט אַ קראַגן (collar) צוגעפאַסט צום האַלז | מיט אַ הויכע קראַגן וואָס פאַרדעקט די הויכקייט פונעם האַלז |

## סימנים פון אַן אשה צנועה:

1) שפירט זיך גליקליך און צופרידן מיט יעדע באַמיאונג אויף צניעות, זי שפירט אַ פאַרגעניגן מיט יעדע שריט פאָראויס צום פאַרבעסערונג, ווייסנדיג אַז פון הימל וועט מען אויף אַלעם באַצאָלן, לפום צערא אגרא (ווי שווער עס קומט אָן, אַזוי גרויס איז דער שכר).

2) ווען זי זעהט צניעות׳דיגע אידישע טעכטער וועלכע זענען אין אַ שטאַפּל העכער פון איר מיט זייער באַשיידנקייט, קוקט זי אַרויף אויף זיי מיט שעצונג, זי פאַרשטייט דאָס חשיבות פון זייער איידעלע קליידונג.

3) איז צופרידן ווען מ׳איז מעורר אויף אַ טעות וואָס זי האָט געמאַכט אין צניעות, און איז גרייט זיך צו פאַרבעסערן.

4) זוכט צו געפעלן פאַר השי״ת מיט וואָס זי קען, אפילו עס וועט אפשר נישט געפעלן פאַר יעדן, ווייסנדיג דעם אָנווייזונג פון שלמה המלך פאַר די אידישע טאָכטער: שֶׁקֶר הַחֵן וְהֶבֶל הַיֹּפִי אִשָּׁה יִרְאַת ה׳ הִיא תִתְהַלָּל.

**עוֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן** (משלי ל״א) - ״אויב איר קלייד איז שטאַרק מיט צניעות׳דיגע שיינקייט, דאַן וועט זי זיך פרייען ביים לעצטן טאָג!״

## אינהאַלטסרייכע שטריכן ציטירט פון אַ דרשה פון הגה״צ רבי אברהם יושע העשיל ביק שליט״א אבדק״ק מעזבוז

... די ערשטע קשיא פרעגן די נשים: פאַרוואָס פאַרפירט מען קעגן שייטלען, מיין באַבע איז דאָך אויך געגאַנגען מיט אַ שייטל?

איז דער תירוץ דערויף, עס פעלט פשוט דער באַגריף אין היסטאָריע פון 100 יאָר צוריק און העכער, ווען אין די אייראָפּעאישע לענדער האָט געבושעוועט די גייסט פון השכלה. וואו די רעפאָרמער האָבן נאָר אַריינגעשטעקט זייערע נעגל האָבן זיי חרוב געמאַכט דאָס אידישקייט. דער מצב איז געווען אין פיל פלעצער אַז פיל אידישע פרויען זענען געגאַנגען אָפן מיט די אייגענע האָר רח״ל, אַזוי אַז די ערליכע האָבן זיך מורא׳דיג געשעמט מיט די טיכלעך [איך קום פון יענע מדינות]. אַזוי איז געווען אין רוסלאַנד, אין די ליטע, אין גרויס פוילן, אין מזרח גאַליציע, דייטשלאַנד איז דאָך שוין אָפּגערעדט. דאָס איז נישט קיין גוזמא, דאָס איז וואָס מיר האָבן מיט די אויגן ליידער געזעהן.

וויאַזוי האָט דאָס געקענט פּאַסירן? אַ גרויסע קשיא, אָבער די סטרא אחרא האָט אַ

גרויסן כח. די משכילים האָבן זיך בעיקר פאַרלייגט אויפ'ן חיצוניות, וויסנדיג אַז אין דעם איז אָפּהענגיק דאָס אידישקייט. זיי האָבן געפּרעדיגט זייער טמא'נע לאָזונג אַז דאָס גאַנצע אַנטיסעמיטיזם שטאַמט פון דעם וואָס אידן גייען אָנגעטוהן אַנדערש ווי די גוים (עפ"ל), און זייער גיפט האָט לײדער געשלאָגן וואָרצלען.

דעריבער ווען אַ פרוי האָט מסכים געווען אָנצוטוהן אַ שייטל האָט מען זיך געפרייט, אַבי נישט גיין אין הוילן קאָפּ ווי אַ שיקסע, "לבחור הרע במיעוטו". איי וואָס האָט מען אויפגעטוהן, דאָס שייטל זעהט דאָך אויס פונקט ווי האָר?

איז דער תירוץ, מיר געדענקען נאָך יענע שייטלען, פון אַ מייל ווייט האָט מען דערקענט אַז דאָס איז נישט קיין האָר, אַ ראיה דערצו ווייל די אַנדערע האָבן נישט מסכים געווען דאָס אָנצוטוהן ווייל עס האָט נישט אויסגעזעהן ווי אייגענע האָר, מען האָט געזעהן אַז דאָס איז עפּעס אַ פרעמדע זאַך אַרויפגעלייגט. דעריבער האָט מען געשוויגן כאָטש עס איז נישט על פי הלכה.

דאַקעגן אָבער די היינטיגע שייטלען וועלכע זעען אויס פונקט ווי אייגענע האָר ממש, זענען אסור, עס איז נישט פאַרהאַן קיין שום פוסק - אפילו דער שלטי גבורים - וואָס זאָל מתיר זיין צו גיין דערמיט אויף די גאַס אין רשות הרבים!

אין ספר טיב לבב ווערט געברענגט וואָס דער רבי זי"ע האָט געזאָגט אין די שטאָט סאַטמאַר:

בענין לבישת פאה נכרית התחלנו לעסוק עתה, והרי הוא מעיקרי התורה, ואסור מדינא. ובפרט במדינתנו שקבלנו עלינו הוראתו של מרן הגה"ק הדברי חיים ובנו הגה"ק משינאווא זצ"ל כוודאי אסור לילך בפאה נכרית מדין תורה הקדושה, ובטחוני חזק ששום אשה לא תקבל על עצמה אחריות דבר זה להיות יוצא מן הכלל, אדרבה כל מי שלבה מאמין בהשי"ת ובתוה"ק צריכה להיות מן הזריזין המקדימין, וגם תפעל אצל אחרים ולבאר להם חומר הדבר, ובזה עושין רצון הקב"ה, ובוודאי תתברך עי"ז בכל טוב!

[אויף אידיש:] - "מיר האָבן אָנגעהויבן עוסק צו זיין איבער דעם פּראָבלעם פון שייטלען, דאָס איז פון די עיקרים פון די תורה, און דאָס איז אסור על פי הלכה. איבערהויפּט אין אונזערע פלעצער וואו מיר האָבן אָנגענומען דעם פסק פון הייליגן צאַנזער רב און זיין זוהן דער הייליגער שינאָווער רב זכותם יגן עלינו, איז זיכער אסור צו גיין מיט אַ שייטל על פי תורה. איך בין זיכער אַז קיין שום פרוי וועט נישט נעמען אויף זיך דאָס אחריות פון די דאָזיגע זאַך. אדרבה, דאָס האַרץ וועלכע גלייבט אין השי"ת און זיין תורה הקדושה דאַרף זיין פון די ערשטע זיך אויסצוטוהן דאָס שייטל, און אויך באַארבעטן אַנדערע אַזוי צו טוהן, ערקלערנדיג פאַר זיי דאָס האַרבקייט פון די זאַך, און מיט דעם טוט

מען דעם רצון השם, און זיכער וועלן זיי געבענטשט ווערן מיט אַלעם גוטן!" (ביז אַהער די ווערטער פון רביה"ק מסאַטמאַר זצ"ל).

איך זאָג אייך על פי הלכה קלאָר: די היינטיגע שייטלען האָט קיין שום פוסק נישט מתיר געווען צו גיין אויף די גאַס!

חז"ל זאָגן גנאי היא לבנות ישראל שילכו פרועות ראש - "עס איז אַ שאַנדע פאַר אַ אידישע טאָכטער צו גיין אויפגעדעקט די האָר פון קאָפּ!" - זאָגט די פרוי פונקט פאַרקערט, אַ שאַנדע איז מיר צו גיין אַראָפּגעבינדן מיט אַ טיכל, מיט אַ שפּיצל, שיין איז צו גיין אַזוי אַז ס'זאָל אויסזעהן ווי אייגענע האָר...

מ'דערציילט אַז אַ יונגל איז אַמאָל אַהיימגעקומען אָנעם קאַפּל אויפ'ן קאָפּ, די מאַמע איז געוואָרן היסטעריש: "יצחק'ל! וואָס איז געשען מיט דיר? פאַרוואָס גייסטו אין הוילן קאָפּ?"

"מאַמי, זאָרג נישט. מיין קאָפּ איז צוגעדעקט מיט אַ שייטעלע וואָס זעהט אויס ווי האָר. איך שעם זיך צו גיין מיט מיין קאַפּל האָב איך זיך פאַרשאַפט אַ שייטעלע פון פאַלשע האָר".

"וואָס?! דו שעמסט זיך אַז דו ביסט אַ איד? געוואַלד! ווער האָט דיך פאַרדאָרבן? ווער איז דיין שלעכטער חבר?"

"מאַמי, וואָס ביסטו אַזוי היסטעריש? דו טוסט דאָך די זעלבע זאַך, דו שעמסט זיך צו גיין צוגעדעקט מיט אַ טיכל גייסטו מיט אַ שייטל עס זאָל אויסזעהן ווי האָר. טאָ פאַרוואָס שרייסטו אויף מיר? איך שעם זיך אויך, די גוים לאַכן פון מיר, גיי איך מיט אַ שייטעלע!..."

נאָך אַ פאַקט: עס זענען פאַרהאַן טויזנטער גוי'טעס וועלכע גייען דירעקט מיט אַ שייטל אויפ'ן קאָפּ, קען מען נישט זאָגן אַז איך גיי פאָרט אַנדערש ווי די גוי'טע ווייל זי גייט מיט אייגענע האָר און איך מיט פאַלשע, ווייל די גוי'טעס גייען דאָך אויך מיט שייטלען, עס קומט איר אויס באַקוועמער און שענער.

אין רמב"ם (פי"א מהל' ע"ז) שטייט: **אין הולכין בחוקות העכו"ם ולא מדמין להם לא במלבוש ולא בשער וכל העובר ע"ז לוקה** - "מען טאָר נישט נאָכגיין די מאָדעס פון די גוים און מען טאָר זיך נישט צוגלייכן צו זיי נישט מיט די קליידער און נישט מיט די האָר, און ווער יאָ שלאָגט מען מלקות!"

אַלזאָ, אַ שייטל וועלכע איז דאָך געמאַכט עס זאָל אויסזעהן ווי האָר, זיך צו פאַרגלייכן צו די גוי'טעס וועלכע גייען מיט האָר אין רשות הרבים, איז אַ חיוב מלקות מן התורה! (אוי אוי וויפיל מלקות כאַפן מיר נעבעך פון אַלע זייטן... אין יעדע משפחה... אוי נעבעך וויפיל יונגע טאַטעס, וויפיל יונגע מאַמעס... קליינע קינדער... באַשעפער זיסע עפן

אונז די אויגן און דאָס האַרץ, מיר זאָלן שוין זעהן און שפירן דאָס טייערקייט פון אַ אשה צנועה, דעם אמת'ן בילד פון אַ בת מלך!)

די פרוי וואָס קען בשום אופן נישט פועל'ן ביי זיך צו באַזייטיגן דאָס שייטל, איז אָבער מחוייב צוצודעקן דאָס שייטל אינגאַנצן. צודעקן מיינט מיט אַ טיכל. אויב קען מען דאָס אויך נישט פועל'ן, זאָל מען זיך צודעקן מיט אַ ווייכע הוט, נישט מיט קיין האַרטע הוט וועלכע איז - לויט די גדולי הפוסקים - נישט אויסגעהאַלטן פאַר אַ פרוי צו גיין דערמיט.

און אוודאי חלילה אַז דאָס שייטל זאָל אַראָפּהענגען אַראָפּציר פונעם האַלז, עס איז אַן איסור גמור מן התורה אַזוי צו גיין!

נאָך אַ פּונקט מוז איך דאָ אַרויסברענגען: עס איז אַ מורא'דיגע אחריות אויף אַ מאַמע, באָבע, שוויגער, וואָס השי"ת האָט איר באַשאָנקען מיט אַ קינד, אייניקל, שנור, וועלכע וויל זיך אויסטוהן דאָס שייטל, און זי טוט איר צוריקהאַלטן און שטערן, זאָל זי וויסן אַז זי שפּילט זיך מיט איר נפש! ווער ווייסט וואָס דער רבונו של עולם וועט איר צוריקטוהן פאַר דעם! איך האָב שוין מיטגעלעבט ווי עלטערן וועלכע האָבן געשטערט די קינדער זענען אַוועק פון דער וועלט פריצייטיג רח"ל.

פאַרהאַן אַן איינרעדעניש ביי מענטשן אַז לבוש איז אַ באַגריף וואָס איז געווענדט אין די משפחות. יענע משפחה גייט אַזוי ווייל דער ראש המשפחה גייט אַזוי, דאַקעגן ביי אונזער משפחה גייט מען אַנדערש ווייל דער ראש המשפחה גייט אַנדערש, דעריבער וויל איך נישט לאָזן מיינע קינדער גיין פרומער. - דאָס איז פונקט ווי איינער זאָל זאָגן, ביי אונז אין די משפחה איז נישט ערלויבט צו לערנען תורה, ווייל דער ראש המשפחה איז געווען אַן עם הארץ מוזן די אייניקלעך עד סוף כל הדורות זיין עמי הארצים... ביי אונז אין די משפחה איז נישט ערלויבט צו זיין אַן עושר ווייל דער ראש המשפחה איז געווען אַן אָרימאַן...

די פרוי וואָס דער מאַן פאָדערט פון איר זיך אויסצוטוהן דאָס שייטל, איז זי מחוייב על פי תורה צו פאָלגן, ווי מיר זעען אין די גמרא מס' נזיר (ביי די סוגיא פון אי אפשי באשה גלחנית עיי"ש).

ספּעציעל ביי בני תורה, כולל יונגעלייט, דאַרף די פרוי נאָך מער געוואָרנט זיין אין צניעות, ווייל אויב נישט מאַכט זי דאָך שאָדן אַלע דברי תורה וקדושה וועלכע ווערן געזאָגט אין שטוב!

אַ פלא, פאַר כל נדרי אַזאַ הייליגע זמן, שטייט אַ איד אויפ'ן באַלעמער, אַ קדוש וטהור, ער רעדט צו אַ ציבור אידן, און וואָרנט איבער די שטרימפּ פון די פרויען. אַנדערע לערנען אין די צייט זוהר, כתבי האר"י ז"ל... אָבער דער מנהיג הדור פאַרשטייט אַז דאָס

איז דער זוהר, דאָס איז די כתבי האר"י ז"ל, און פייערט צו אידישע טעכטער אַז זיי זאָלן רחמנות האָבן און נישט גיין מיט דורכזיכטיגע שטרימפּ.

שמאָלע קליידער, אוי, אַ זאַך וואָס מ'האָט אַמאָל נישט געהערט, אַזאַ פּירצה. מיר זעען אין די גמרא (שבת י"ב. אמר רבא לא אמרן אלא דבני מחוזא וכו' ע' רש"י) אַז פרויען קליידער זענען דירעקט ברייטע קליידער, היבש ברייטער פונעם קערפּער.

שליצן, אַזאַ געמיינע זאַך, סיי עכטע שליצן סיי די פאַלשע, אַלעס האָט דעם זעלבן ציל, מאַכן זינדיגן אידישע קינדער.

הלוואי זאָל קומען די צייט וואָס פונקט ווי ביי אונז מענער גייט מען די זעלבע סאָרט בגדים שטענדיג, אַזוי זאָלן די נשים אויך גיין סטאַביל אין די זעלבע סאָרט בגדי צניעות, לאַנג, ברייט, פאַרמאַכט ביים האַלז, און נישט בייטן דעם סטייל נאָך יעדן רעגן, לויט די מאָדע און לויט'ן וועטער!

לאָמיר זיין שטאָלץ מיט אונזער הייליגן לבוש, מיר זענען אַן עם סגולה! מיר זענען ממלכת כהנים וגוי קדוש! (ביז אהער די דרשה פון אבד"ק מעזיבוזש שליט"א)

## עלעקטריק סיסטעם

ווען די "וואַש-מאַשין" איז צובראָכן, רופט מען אַ בעל מלאכה דאָס צו פאַרעכטן. ווען דער "עיר-קאָנדישאָן" איז צובראָכן, רופט מען ווידער אַ בעל מלאכה. ווען מ'זעהט אָבער אַז די לעקטער, וואַש-מאַשין, טרוקן-מאַשין, עיר-קאָנדישאָן, אַלעס איז טויט, דאַן רופט מען נישט קיין בעל מלאכה אויף יעדע מאַשין באַזונדער, ווייל עס איז פאַרשטענדליך אַז דער פּראָבלעם איז נישט אין די מאַשינען, דער פּראָבלעם איז די עלעקטריק סיסטעם וועלכע האָט זיך פאַרלאָשן. די סעקונדע וואָס די עלעקטריק הייבט אָן ווידער צו שטראָמען, וועלן אַלע מאַשינען טוהן זייער געברויך 100 פּראָצענט פון זיך אַליין !...

ווען דאָס אידישע פינטל שטראָמט און פליסט אין די אָדערן, איז שוין איבריג צו אַרבעטן אויף די אומצאָליגע פּרטים פון צניעות !

דער אורחות צדיקים שרייבט: איך האָב נאָכנישט געזעהן קיין שעמעדיגע נאַר, און נישט קיין חכם אָן קיין בושה ! - אָט דאָס איז דער עכטער סימן פון אַ חכם, איידלקייט, צוריקגעצויגנקייט (אויפ'ן ריכטיגן אָרט). אידישע קינדער זענען אויסגעצייכנט מיט אָט די דריי מדות: 1) שעמעדיגקייט 2) רחמנות 3) גמילות חסדים.

די בהמה האָט נישט קיין בושה, דער גוי פאַרמאָגט אויך נישט אין זיך קיין גרויסע מאָס בושה, דאַקעגן אָבער אַ אידיש קינד האָט אין זיך נאַטורליך די טייערע געפיל פון בושה, צניעות, איידלקייט. די אידישע טאָכטער וועט אַנטלויפן פון צו זיין מערקבאַר צווישן מענער, פשוט אַלס בושה און באַשיידנקייט. אויב נישט, דאַרף זי פשוט אויפבויען אירע אינערליכע געפילן דורך ליינען מוסר ספרים אויף אידיש.

די פרוי וועלכע פאַרמאָגט נישט אָט די טייערע נאַטורליכע בושה געפיל, אפילו מ'לערנט איר הלכות פון צניעות אַז מ'דאַרף זיין צוגעדעקט און צוגעמאַכט, וועט זי אָבער נישט אַליין פאַרשטיין אַז אַ שמאָל געפאַסטע קלייד איז אסור, אַזוי אויך שרייעדיגע קאָלירן. איך בין דאָך צוגעדעקט... זי פאַרשטייט נישט אַז זיך אָפשטעלן שמועסן אויף די גאַס וואו מענער גייען אַדורך, רעדן צו אַ פרעמדן מאַן ווען עס איז נישט וויכטיג, זיך אַריינרוקן ביי אַ חתונה צו די מענער זאַל, דאָס אַלעס איז אסור פאַר אַ אידישע טאָכטער.

דעריבער איז די אַרבעט פון די עלטערן און פון די מחנכות נישט בלויז אויסצולערנען די פרטים פון הלכות צניעות, נאָר אויפצובויען דעם אינערליכן "צניעות גייסט" אין די טעכטער אַז זיי זאָלן "אַליין" דערשפירן וואָס איז אַלץ אין קאָנטראַסט מיט'ן כל כבודה בת מלך פנימה, און ווי מער זי וועט אַרבעטן אויף פנימה, אַלץ מער שטייגט איר טיטל בת מלך.

ווען מען איז מחנך אַ קינד אויף צניעות, איז נישט גענוג צו זאָגן "דאָס איז נישט צניעות'דיג", נאָר מען דאַרף אַריינברענגען אין די אידישע טאָכטער די מדה פון אמת'ע "בושה". "דו שעמסט זיך נישט אַז דיין ערמל איז אַרויפגעצויגן ?" - "דו שעמסט זיך נישט צו לאַכן הויך ווען אַ פרעמדער מאַן איז דאָ ?" - ווען דאָס מיידל וועט דערהערן צוביסלעך אַז אומ'צניעות איז אַ "בושה" פאַר אַ אידישע טאָכטער, וועט מען איר שוין נישט דאַרפן שטענדיג אויסלערנען אַלע פרטים פון צניעות, ווי מיר זעען אַז די נשים וועלכע פאַרמאָגן אין זיך די ריכטיגע אידישע בושה געפיל, פאַרשטייען און דערשפירן אַלעס אומגעהייסן.

*

מיר זעען אין די וועלט אַז אַ געצווינגענע זאַך האַלט נישט אָן לאַנג, צ.ב.ש. אַן אַרבייטער וואָס האָט בכלל נישט ליב זיין פאַך אָדער זיין בעה"ב, ער איז נאָר

געצווינגען צוליב פרנסה, ווי נאָר ער וועט זיך טרעפן אַן אַנדערע פרנסה וועט ער שלאָגן כפרות מיט'ן ערשטן. אַזוי אויך זעען מיר ביי חברותא, אַ געצווינגענע פריינטשאַפט (דער מלמד האָט זיי צוזאַמגעשטעלט, די לערערין א.ד.ג.) איז נישט קיין אייביגע פריינטשאַפט, עס פלאַצט.

דאָס זעלבע איז ביי אידישקייט, אַ געצווינגענע אידישקייט האָט נישט קיין קיום. עס פלאַצט! - אָט דאָס איז די סיבה פאַרוואָס אין דייטשלאַנד איז אידישקייט געווען אויפ'ן נידריגסטן שטאַפל, טראָצדעם וואָס מיט דורות פריער האָבן דאָרטן געבליהט די שענסטע קהלות בישראל, נאָר ווייל די משכילים האָבן דאָרט צוביסלעך אַריינגעברענגט דעם שעדליכן גייסט אַז שם לשון ומלבוש זענען איבריגע זאַכן (עפ"ל), דאָס האָט מיט די צייט אָפּגעקילט די יסודות פון אידישקייט. אפילו די וואָס האָבן זיך יאָ געהאַלטן, איז דאָס נאָר געווען אַזאַ סאָרט געצווינגענע אידישקייט, דעריבער ווי נאָר מ'האָט געהאַט אַ געלעגנהייט זיך אַרויסצודרייען פון די תורה מיט אַ תירוץ (עס שטייט נישט אין די תורה אַז מ'טאָר נישט; יענער גייט אויך אַזוי; ס'איז זייער הייס; היינט איז אַנדערש ווי אַמאָל) דרייט מען זיך אַרויס, ווייל דאָס "פּינטעלע" פעלט, מען שעמט זיך מיט אידישקייט!

אַ איד וואָס וויל אַז דאָס אידישקייט זאָל זיך האַלטן ביי אים און ביי זיינע דורות, דאַרף זיין פעסט מיט זיין אידישקייט! איך בין שטאָלץ אינערליך און אויסערליך אַז איך בין אַ מיטגליד פונעם עם סגולה!

## לימוד זכות

אַן אינטערסאַנטע זאַך זעען מיר ביי מענטשן, אַז טראָצדעם וואָס אין אַנדערע ענינים זענען זיי דירעקט מחמיר, פאַרשידענע חומרות און מנהגים פירן זיי זיך שטרענג, און דוקא אינעם געביט פון צניעות - וועלכע איז פאַרבינדן מיט לאוין דאורייתא און דת יהודית - זענען זיי מקיל רעכטס און לינקס. אין אַנדערע הלכות ווען זיי האָבן אַ שאלה און אַ ספק, רופן זיי באַלד דעם דיין פרעגן, דאַקעגן אין הלכות צניעות - וואָס דער פסוק זאָגט קלאָר אַז אומ'צניעות פאַרטרייבט די שכינה פון די אידישע מחנה - פרעגן זיי ניטאַמאָל, נאָר זיי פסק'ענען אַליין.

זוכנדיג אַ לימוד זכות אויף די דאָזיגע קשיא, געפינען מיר פינף סיבות

פאַרוואָס פונקט אינעם געביט פון צניעות הערשט איידער אַזאַ נאָכלעסיגקייט:

1) אין די צווייטע וועלט קריג זענען בעוה״ר אומגעקומען אויף קידוש השם מיליאָנען ערליכע צניעות׳דיגע נשים, דער נייער דור האָט כמעט נישט פון וועם זיך אָפצולערנען. אַנשטאָט וואָס מען האָט אַמאָל געזעהן אין יעדן ווינקל פיל פרויען מיט׳ן עכטן צניעות׳דיגן חן - ווער רעדט נאָך אין ווייבער שול ביים דאַווענען - אַנשטאָט דעם געפונען מיר זיך היינט אין אַ פאַרדאָרבן לאַנד ערות הארץ. די נאַטור פונעם מענטש ווערט אויטאָמאַטיש נאָכגעצויגן נאָכ׳ן פלאַץ וואו ער וואוינט, וואָס ער זעהט און הערט. עס איז געוואָרן ביי פיל פרויען אַ באַגריף אַז צניעות איז אַ ״משפחה״ זאַך. ביי די משפחה איז מען מחמיר אויפ׳ן קאָפ צודעק, ביי יענע משפחה איז מען מקפיד אויף די ערמל און האַלז, די דריטע משפחה אויף די שטרימפּ. פונקט ווי אום פסח געוויסע משפחות עסן פיש און געוויסע עסן נישט... אַזוי ווייט איז פאַרגעסן געוואָרן דער אמת׳ער בילד פון אַ פשוט׳ע אשה צנועה.

2) די נשים באַגרייפן נישט וואָספאַראַ וויכטיגע יסוד עס איז דאָס ענין פון צניעות. דאָס וואָס אונזערע באָבעס אין מצרים האָבן יאָ פאַרשטאַנען - און כאָטש זיי האָבן געהאַט געגוג תירוצים צו ענדערן זייער לבוש צום גוי, מען זאָל אַביסל ווייניגער ליידן און ווייניגער דערטרינקען זייערע יונגלעך אין טייך - פאָרט האָבן זיי נישט געטוישט זייער שם לשון ומלבוש, וויסנדיג אַז דאָס איז דער איינציגער פאַנצער צו שיצן דאָס אידישקייט. אָט דאָס פאַרשטייען נישט פיל היינטיגע פרויען און מיידלעך, זיי באַגרייפן נישט אַז צניעות איז דער פעסטונג, די חומה פון כלל ישראל.

זיי ווייסן נישט דעם חורבן וואָס זיי מאַכן מיט אומ׳צניעות, פאַר זיך, פאַר די קינדער, פאַר די מענער. זיי ווייסן נישט דעם גרויסן שכר וואָס וואַרט אויף יעדע פרט פון צניעות וואָס זיי טוען זיך פאַרבעסערן.

3) די רבנים און דרשנים שפירן מער באַקוועם צו רעדן פון אַנדערע געביטן - תורה, תפלה, בין אדם לחבירו, שמירת הלשון, חינוך - ווי צו רעדן פון צניעות. דער טאַטע אינדערהיים רעדט אויך כמעט נישט דערפון, די לערערין רעדט נאָר וויפיל זי מוז אויסצופאָלגן די תקנות. דעריבער שפירט זיך דער חלל אין דעם געביט, אַז מען רעדט נישט און מען מאָנט נישט ווערט דאָס פאַרגעסן.

4) געוויסע לומדים און בני תורה טוען נישט געהעריג אויפפאַסן אויפ׳ן לבוש פון זייער משפחה. אַט דאָס ווערט אַ וועג-ווייזער פאַר הונדערטער ווייבער (כמאמר חז״ל כל פירצה שאינה מן הגדולים אינה פירצה), צייגנדיג פאַר׳ן מאַן ״אַז פלוני׳ס ווייב גייט אַזוי, מעג איך אויך - איך דאַרף נישט זיין פרומער פון רביצין פלונית!...״

5) דער דעת איז זייער קליין געוואָרן, מען ווערט ווי פאַר׳שיכור׳ט פון יעדע נייע שטות (בפרט די וועלכע הערן לידער ראַדיאָ אָדער ליינען גוי׳אישע צייטונגען, שעפן זיי זיך אָן היבש פונעם גוי׳אישן שכל), מען שעמט זיך מיט׳ן אַמאָליגקייט, מען לעבט פאַר יענעם. די פרוי וועלכע גייט לויט די לעצטע מאָדע, באַקומט קאָמפלימענטן פון אַלע זייטן, עס צאָלט זיך איר אויס דאָס קלייד ביים ערשטן שפּאַציר, דאַקעגן די וועלכע גייט איידל און באַשיידן, דאַרף זיין געגרישט אויף קרומע בליקן פון די אַרומיגע אויגן און נעזער.

אַט דאָס זענען די סיבות מער ווייניגער. וואָס האָבן מיר פון וויסן די סיבות? אַז מען ווייסט דעם שורש פון די קרענק, קען מען גיכער וויסן וויאַזוי דאָס צו היילן בעזהשי״ת!

דער גאון וצדיק רבי ישראל סאַלאַנטער זצ״ל האָט אַמאָל - וואַרטנדיג ביי די באַן סטאַנציע - באַגעגנט איינעם פון זיינע תלמידים וועלכער האָט אויך געדאַרפט פאָרן מיט די באַן. זאָגט ר׳ ישראל צו זיין תלמיד: ״מיין קינד, דו טאָרסט נישט פאָרן מיט די באַן, ווייל וואָס וועסטו טוהן אויב אינמיטן וועג וועסטו בלייבן אויף די באַן אַליין מיט איין פרוי, ווערסטו דאָך עובר זיין אויף איסור יחוד!״

דער תלמיד וועלכער זעהט ווי דער רבי גרייט זיך אויך צו פאָרן, פרעגט ער צוריק מיט הכנעה: ״און וויאַזוי קען דער רבי יאָ פאָרן, וואָס איז מיט יחוד?״

״איך - ענטפערט ר׳ ישראל - אפילו די באַן וועט האַלטן אינמיטן פאָרן, און כ׳וועל זיך דערזעהן מיט אַ שאלה פון יחוד, וועל איך ארויסשפרינגען פון די פענסטער!...״ **(ספר חיי המוסר ח״א עמוד פ״ז)**

[ווי פאַרשטענדליך האָט ר׳ ישראל געצילט מיט דעם שמועס אויפמערקזאַם צו מאַכן דעם תלמיד צו זיין גרייט און וואַך אויף איסור יחוד].

## מכתב קודש מאת מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע

היות כי קשה לפני לכתוב באריכות בדבר המכשול הנורא אשר הולכים במלבושים קצרים מלבושי סדום בעווה"ר, ונתפשט המכשול הזה גם בין שומרי תורה ומצוות, ע"כ טרם שנתחיל לעשות צעדים שאין ברצוני לעשות, באתי להזהיר באזהרה חמורה שאסור לילך במלבושים כאלו כל אשר בשם ישראל יקרא.

וההולך במלבושים כאלה הוא מובדל ומופרש מעדת ישראל ההולכים בתורת ה'. והשי"ת ישמור אותנו וישלח לנו ברכה והצלחה בכל ענינים.

א"ד הכותב וחותם בלב נשבר ונדכה ולישועת ה' מחכה בתוך כלל ישראל.

בעה"ח יום ועש"ק לס' זאת חקת התורה תשכ"ט.

הק' יואל טייטלבוים

**איבערגעזעצט אויף אידיש:**

אַזוי ווי עס איז מיר שווער צו שרייבן באריכות איבער די מורא'דיגע שטרויכלונג וואָס מען גייט מיט קורצע קליידער, קליידער פון סדום בעווה"ר, דעריבער קום איך דאָ מיט אַ האַרבע וואָרענונג אַז ווער עס ווערט אָנגערופן מיט'ן נאָמען "איד" טאָר מיט אַזעלכע קליידער נישט גיין.

און ווער עס גייט יאָ מיט אַזעלכע קליידער איז אָפּגעטיילט און אָפּגעשיידט פון די אידישע געמיינדע וועלכע גייען לויט די תורה פון השי"ת! השי"ת זאָל אונז אָפּהיטן און שיקן ברכה והצלחה אין אַלע ענינים.

דאָס ווערט געשריבן מיט אַ צובראָכן און פאַרוויטאָגט האַרץ, און האָפט צו השי"ת ישועה צווישן כלל ישראל

הק' יואל טייטלבוים

## דברי צדיקים

- [רעדנדיג אַמאָל איבער די גרויסע פּירצה אַז פרויען דרייוון אַ קאַר]: איך וויל נישט מאַכן קיין נייע גזירות, אָבער איך וויל נישט קיין נייע מגיפות! (כ״ק אדמו״ר מבאבוב זצ״ל)
- ווען אַ פרוי באַשליסט און טוט אויס איר שייטל און טוט אָן אַ טיכל, ציטערן פון איר אַלע עולמות! (הגה״ק רבי בנימין ראבינאוויטש זצ״ל)
- בני תורה וואָס זייערע שטיבער גייען נישט מיט׳ן ריכטיגן צניעות, איז דער חילול השם פיל גרעסער... די יונגעלייט זאָלן אָנזאָגן אינדערהיים אַז אין שטוב גופא דאַרף מען אויך גיין בצניעות, אויב נישט פאַרטרייבט מען די שכינה פון שטוב. די שטרימפּ זאָלן זיין גוט, די נאַכט העמדער דאַרפן זיין בצניעות, סיי די האַלז סיי די ערמל, און חלילה עס זאָל זיין דורכזיכטיג! (כ״ק אדמו״ר מסאטמאר שליט״א)
- שיין הייסט וואָס די תורה הקדושה זאָגט. היינט איז לײדער געוואָרן אַ מאָדע אַז מ׳גייט מיט שייטלען וואָס די האָר דערפון איז צושפּרייט. אינדערהיים פלעגט אַזוי צו גיין אַן אַלטע גוי׳טע וואָס האָט נישט געהאַט קיין קעמל צו מאַכן די האָר, און דאָ זאָגט מען אַז דאָס הייסט שיין, ווייל יענעם גוי איז בייגעפאַלן אַז דאָס הייסט שיין! - ס׳איז דאָ אַ בריוו וואָס דער חפץ חיים זצ״ל האָט געשריבן צו רבנים אַז זיי זאָלן מעורר זיין אויף פּירצות הדור, אַז מ׳גייט נישט אָנגעטוהן בצניעות ווי עס דאַרף צו זיין, שרייבט ער דאָרט אַ משל אַזוי: - אַ קעניג האָט געהאַט אַ ווייִנגאָרטן און עס האָט דאָרט אויסגעבראָכן אַ גרויס פייער, האָבן די מיניסטאָרן געמאַכט אַ געוואַלד אַז מען זאָל קומען לעשן דאָס פייער, ווער עס וועט נישט קומען לעשן דאָס פייער וועט האָבן אַ ביטערן עונש, און ווער עס וועט יאָ לעשן דאָס פייער וועט דערהויבן ווערן. - זאָגט דער חפץ חיים: דער נביא רופט אָן די אידישע קינדער, דער כרם בית ה׳ - ״דער ווייִנגאָרטן פון באַשעפער!״ - **רבותי, דער ווייִנגאָרטן ברענט! עס ברענט אַ פייער! די פּירצות הדור מאַכן אַ פייער אין דעם ווייִנגאָרטן, און מיר בעטן זיך, רבותי לעשט אויס דאָס פייער!** לאָמיר מתקן זיין די פּירצות, לאָמיר זען אַז דער כרם ישראל זאָל ווייטער שטייגן בקדושה ובטהרה. (הגה״צ רבי יודא הלוי טירנויער שליט״א, אבד״ק שומרי שבת ב״פ)
- מען טאָר נישט אַריינטרעטן אין די אַלע מעיק-אַפּ און פּערפיום סטאָרס וואָס

האָבן זיך אויפגעמאַכט אין די אידישע געגנטן, וואָס דאָס ברענגט אַנדערע צו זינדיגן ח"ו. די סטאָרס וואָס פאַרקויפן אין אידישע געגנטן די אַלע זאַכן, זענען עובר אויף לפני עור לא תתן מכשול, ווייל דער וואָס קומט אַריין קויפן מיינט אַז וויבאַלד מען פאַרקויפט עס דאָ איז עס כשר. די סטאָרס וואָלטן געדאַרפט אַרויסלייגן אַ גרויסן טאָוול אַז די אַלע זאַכן זענען נישט פאַר אידן נאָר פאַר גוים. אפילו מען דאַרף פרנסה, טאָר מען נאָך נישט וועגן דעם עובר זיין אויפ'ן שלחן ערוך! (הגה"צ רבי אברהם יושע העשיל ביק שליט"א, אבד"ק מעזיבוז)

- די פרויען ווערן געבעטן זיך נישט צו שטעלן שמועסן ביי די פלעצער וואו די מענער דאַרפן דורכגיין, צ.ב.ש. אין גראָסערי; ביים אַריינגאַנג פון אַן אַפּאַרטמענט הויז א.ד.ג. (הרה"ג רבי שמחה בונם וואלדענבערג שליט"א מו"ץ בעדה החרדית)

- כ'האָב געהערט אַז ס'איז דאָ היינט אַזעלכע זאַכן וואָס קומען נישט אַרויף אויף די גאַנצע לענג פון די פיס (KNEE HI'S). דאָס איז ממש **פייער**! - עס טאָר זיך נישט געפונען אַזעלכע שטרימפּ אין אידישע הייזער! (הנ"ל)

- ווען די מלאכים זענען געקומען אָנזאָגן די גוטע בשורה פאַר אברהם אַז שרה וועט האָבן אַ זוהן אויף דער עלטער, האָבן זיי קודם געפרעגט פון אברהם **אַיֵּה שָׂרָה אִשְׁתֶּךָ** - "וואו איז דיין ווייב שרה?" - צוליב וואָס האָבן זיי דאָס געפרעגט (עי' רש"י), ווייל איידער מען גיט דעם צוזאָג אַז פון דעם שטוב גייט זיך אַרויסציען דער גאָלדענער קייט פונעם עם סגולה, דאַרף מען קודם זעהן צי די מאַמע די עקרת הבית איז אַ ריכטיגע צנועה, ווייל נאָר אַזוי קען זי ערציען אמת'ע ערליכע דורות, און ערשט ווען אברהם האָט זיי געענטפערט: **הִנֵּה בָאֹהֶל** - "זי געפינט זיך שטענדיג אין איר געצעלט" - ערשט דאַן האָבן זיי געזאָגט דעם צוזאָג אַז איבער אַ יאָר וועט שרה האַלטן אַ קינד אויף די הענט (הרה"ג רבי זלמן לייב פילאפף שליט"א, דומ"ץ התאחדות הרבנים)

- חז"ל האָבן מתקן געווען צו פאַסטן בה"ב נאָך יו"ט, ווייל אום יו"ט גייען די נשים מער באַצירט, זענען מער מצוי מכשולות ח"ו. - לויט ווי מען גייט היינט אָנגעטוהן אויף די גאַס אין אַ פּשוט'ע וואָכן טאָג, וואָלט מען געדאַרפט אַ גאַנץ יאָר פאַסטן בה"ב!... (הנ"ל)

- אויף געווויסע גאַסן איז פאַר אַ איד אַ גרעסערע סכנה צו גיין אויפ'ן "סייד-וואָק" ווי צו גיין אויפ'ן "גאַדער"... (הנ"ל)

- ליידער האָט זיך דער שטן אַריינגעכאַפּט דאָס מאַנכע אפילו אַ גאַנצע וואָך גייען זיי נישט אין דעם, אָבער ווען עס קומט שבת, דוקא דעמאָלטס טוט מען אָן אַ לאַנג שייטל, און מען דעקט עס צו. עס איז נישט צו פאַרשטיין אַז דוקא שבת ווען מען וויל זיך אויפפירן מיט מער קדושה וטהרה - אַזוי ווי די גמרא זאָגט אַז שבת זאָגט אפילו אַן עם הארץ נישט קיין ליגנט ווייל דער פחד פון שבת לאָזט אים נישט - דוקא שבת ווען דער מאַן וויל מאַכן קידוש, זאָגן אַביסל דברי תורה ביים טיש, פונקט דעמאָלטס דאַרף מען אָנטוהן דעם מלבוש פריצות! (הנ״ל)

- זאָל פון דאָ געהערט ווערן אונזער מחאה, אונזער געשריי און אונזער פּראָטעסט צו די אַלע געשעפטן וואָס פאַרקויפן פּרויען קליידער, מיר ווילן נישט איר זאָלט פאַרקויפן די סאָרט בגדים! ברענגט נישט אַריין צווישן אונז אַזעלכע סאָרט בגדים וואָס זענען נישט אויסגעהאַלטן! וועגן אייער פרנסה זאָלט איר נישט מטמא זיין אידישע טעכטער! (הרה״ג רבי הלל ווייַנבערגער שליט״א, אבד״ק סערדאהעלי)

- רביה״ק מסאַטמאַר זי״ע האָט געזאָגט, אַז דער צוועק פון בית חינוך לבנות איז מחנך צו זיין אידישע טעכטער מיט'ן ריכטיגן צניעות געפיל. לשעבר אין יוראָפּ האָט מען דאָס באַקומען פון די אייגענע שטוב אַטמאָספער, אָבער היינט וואָס די גאַס איז אַזוי שרעקליך, דאַרפן זיין אויף דעם געשטעלט ערפאַרענע מחנכות, כדי עס זאָל אַרויסקומען די געוואונטשענע פירות. (הנ״ל)

- אַ גרויסער דאָקטער האָט באַהויפּטעט אַז רייכערן ברענגט ערנסטע קרענק, האָבן פיל מענטשן זיך אַנטזאָגט פון רייכערן כאָטש עס איז זיי נישט אָנגעקומען גרינג. אַן אַנדערער דאָקטער האָט באַשלאָסן אַז פעטקייט איז שעדליך פאַר'ן געזונט, האָבן פיל מענטשן אָנגעהויבן אַ שטרענגע דיעטע כאָטש עס איז ווייט פון גרינג. אַ דריטער פּראָפעסאָר האָט איבערצייגט אַז צוקער שאָדט פאַר'ן האַרץ, האָבן פיל מענטשן פאַרמינערט זייער צוקער באַנוץ כאָטש עס איז קעגן זייער נאַטור.

דאָ האָבן מיר אַ הייליגן "דאָקטאָר" - דער רבי ר' מענדלע מרימאַנאָוו זי״ע - וועלכער ערקלערט אונז אָפן און קלאָר אַז גיין אומ'צניעות'דיג געקליידעט ברענגט ביטערע קרענק. פאַרוואָס זאָלן מיר נישט צוהערן צו אים?

(הרה״ג רבי נחמן יחיאל מיכל שטיינמעטץ שליט״א, דומ״ץ תולדות יעקב יוסף סקווירא ב״פ)

## דעת קדשם פון גדולי דורינו וועגן די האַרבע פירצה פון לאַנגע שייטלען

### מדברי כ"ק אדמו"ר מסאַטמאַר זצ"ל

אַ פרוי וואָס גייט אין אַ לאַנג שייטל איז פונקט ווי זי וואָלט געגאַנגען אין אייגענע האָר רח"ל. (מפי הגה"צ אב"ד לאנדסבערג זצ"ל והרה"ח ר' עזריאל גליק שליט"א)

### מדברי כ"ק אדמו"ר מפאפא זצ"ל

דאָס איז אַן אומווערדיגע זאַך און עס איז אַ חציפות און אַ פריצות, עס איז בגדר שער באשה ערוה. מען טאָר נישט זאָגן קיין אידיש וואָרט קעגן איר, עס העלפט נישט מען זאָל צומאַכן די אויגן, נאָר מען מוז זיך איינגאַנצן אַוועקדרייען. (דרשת שבה"ג תשל"ד - שו"ת ויען יוסף או"ח סי' מ"א)

### מדברי כ"ק אדמו"ר מסאַטמאַר שליט"א

די לאַנגע שייטלען וואָס דאָס איז געמאַכט לשם פריצות, איז ווי אייגענע האָר, און מען טאָר נישט זאָגן קעגן דעם קיין אידיש וואָרט אַזוי ווי קעגן אייגענע האָר. (מדרשה ש"ק פ' תולדות תשמ"א בקרית יואל)

די לאַנגע שייטלען איז אסור צו גיין, מען דערקענט נישט קיין חילוק צווישן אַ פאַרהייראַטע פרוי און אַ מיידל רח"ל. עס איז אויף דעם געמאַכט אַז אַ פאַרהייראַטע זאָל אויסקוקן פונקט ווי אַ מיידל אָדער להבדיל ווי אַ גוי'טע רח"ל. עס איז נישט קיין ספק אַז מען טאָר מיט דעם נישט גיין, דאָס קען אַראָפּפירן אידישע הייזער חלילה. (בהכנסת ס"ת א' פ' לך תשנ"ב)

### מדברי כ"ק אדמו"ר מוויזניץ שליט"א

אויך איז נפרץ די לאַנגע שייטלען. דאָס גיין מיט אַ לאַנג שייטל איז אַ פירצה און אַ חציפות נוראה. די וואָס גייען מיט דעם מלבוש, זענען עתיד ליתן את הדין. די וואָס האָבן אַ חלק אין דעם דאַרפן תשובה טאָן דערויף. יעדער יונגערמאַן דאַרף זיך פעסט האַלטן אַז ער זאָל בשום אופן נישט לאָזן זיין ווייב גיין אין אַ לאַנג שייטל. (ס"ג פ' במדבר תשד"מ, ב"פ)

מדברי כ"ק אדמו"ר מסקולען שליט"א

אין לאַנגע שייטלען איז די קליפה שולט, זיי שלעפן זיך אַרום מיט די קליפה אויף זיך. די צרות קומען דאָך פון די מאָדעס, און מען באַרעכנט זיך גאָרנישט אַז עס קומען ליידער אַזויפיל צרות, זאָל מען איבערליינען די חטאים פון וואָס די צרות קומען. מען זעט אַז די ביטערע מחלה רח"ל האָט צו טאָן מיט האָר. ווען מען גיט די טריטמענטס ווערן די האָר אויסגעפליקט רח"ל. (אצל לוי' של ר' צבי פארטוגאל ע"ה)

מדברי הרב הגאון רבי שמואל וואזנער שליט"א בעמח"ם שבט הלוי

דאָס עצם גיין אין לאַנגע שייטלען פון אומצוזאַמענגענומענע האָר, איז אַ פירצה וואָס האָט נישט זיינס גלייכן, עס נעמט זיך פון די נידריגסטע סאָרט פון מענטשהייט. (הקדמה לספר שבט הלוי)

מדברי הרב הגאון רבי משה שטערנבוך שליט"א בעמח"ם מועדים וזמנים

די לאַנגע שייטלען דאָס איז נישט קיין דת יהודית. (בספרו דת והלכה סי' א')

מדברי הגה"צ רבי חנינה אברהם לייטנער שליט"א אב"ד ור"מ מאנטעווידעא

די צולאָזטע שייטלען איז נישטאָ קיין שום היתר בעולם, עס איז אַ גרויסע פירצה, עס איז אַ פחד ווי ווייט עס איז נפרץ געוואָרן, עס איז אַ גרויסע ביטערע מכה, מען דאַרף זען גודר זיין און זיין עומד בפרץ.

*

**די שיעור פון לאַנג, אויב עס הענגט אַראָפּ אפילו דאָס מינדעסטע.** (קול קורא מהתאחדות הרבנים תשנ"ג)

אַ אידענע האָט זיך אַמאָל געוואָגט צו בעטן אַ מאָדנע ברכה פון הייליגן רבי ר' מאָטעלע טשערנאָבלער זי"ע: "דער רבי זאָל מיר אָנווינטשן אַז מיין זוהן זאָל אויסוואַקסן אַזאַ צדיק ווי דער רבי!"

ענטפערט דער הייליגער צדיק: "אָבער אייער שלייער (קאָפּ צודעק) איז דאָך נישט גלייך צו מיין מאַמע'ס שלייער, טאָ ווי קען אייער זוהן זיין גלייך צו מיין מאַמע'ס זוהן?..."

# אויפרוף איבער אַ האַרבע שטרויכלונג

[איבערגעזעצט אויף אידיש:]

די לעצטע צייט איז פאַרשפרייט געוואָרן די שטרויכלונג אַז פרויען און מיידלעך גייען אָנגעטוהן "שמאָלע סקוירטס" און "צוגעפאַסטע בלאָוזעס", ספעציעל די בלאָוזעס וועלכע רופן זיך "טי-שוירט" און סטרעטש אָדער דינע "ניט" סחורה. פיל פרויען ווערן נאָכגעצויגן נאָך די פריצות'דיגע מאָדע און זענען מכשיל את הרבים מיט איסורי תורה רחמנא ליצלן.

## דעריבער איז אונזער פליכט מפרסם צו זיין אַז די דאָזיגע בלאָוזעס זענען אומווערדיג פאַר'ן אויבערשטן

דער דאָזיגער איינפיר האָט זיך אָנגעהויבן פון די אָפטריניגע סוחרים וועלכע ברענגען אַריין די טריפה'נע סחורה אין אונזער שטאָט, און דאָס ברענגט דערצו אַז די ערליכע סוחרים ווערן אויך צוגערעדט צו פאַרקויפן די פריצות'דיגע בלאָוזעס.

דאָס אָנטוהן אויף דעם אַן **אפענעם** "דזשעקעט" טוט גאָרנישט אויף, ווייל דאָס העלפט נישט באַהאַלטן די מיאוס'ע צוגעפאַסטקייט און דעם האַרבן שטרויכלונג וואָס געשעט דורך די בלאָוזעס, און די וואָס גייען דערמיט אָנגעטוהן האָבן דעם דין פון איינעם וואָס מאַכט זינדיגן פיל מענטשן.

די דאָזיגע פירונג רופט אַרויס דעם מדת הדין אויף דער וועלט, און בפרט דאַרף מען זיך היטן היינטיגע צייטן ווען די מדת הדין איז אויסגעשפרייט אויף דער וועלט, עס איז אַן עת צרה פאַר כלל ישראל. עס קומען ליידער פאַר צרות און שווערע קרענק אויף אידישע קינדער, עס גייען אַוועק פון דער וועלט יונגע מענטשן רח"ל, דאַרף מען זיך מחזק זיין אין די דאָזיגע ענינים מיט מער שטאַרקייט וואָס מער צו פאַרדעקן דעם געשטעל פון דעם קערפער, אַזוי ווי אידישע קינדער האָבן זיך שטענדיג געפירט.

און אין דעם זכות זאָלן מיר אויסגעלייזט ווערן בביאת גו"צ בב"א.

רבנים פון די שטאָט בני ברק

**חיים פנחס שיינבערג**
ראש ישיבת תורה אור ורב שכונת מאטעסדאָרף

**יצחק זילבערשטיין**
רב שכונת "רמת אלחנן"

די רייד פון די רבנים זענען קלאָר, און פאַר'ן צוקונפט פון אידישע קינדער בעט איך מען זאָל זיין געהיטן אין דעם, און אין דאָס גלייכן.

וע"ז בעה"ח מצפה לרחמי שמים

**שמואל הלוי וואזנער**
ראב"ד ור"מ "זכרון מאיר" בני ברק

## צניעות אין שטוב

עס איז אַ טעות וואָס געוויסע מענטשן מיינען אַז דער באַגריף פון צניעות מיינט נאָר אויף די גאַס. געוויס איז אויף די גאַס דאָס ענין פיל האַרבער, אָבער אויך אין שטוב - אפילו מען איז אַליינס אין שטוב - איז דאָ אַ חיוב פאַר אַ אידיש קינד - סיי אַ מאַן און סיי אַ פרוי - צו זיין בצניעות, ווי עס ווערט געברענגט אין שולחן ערוך (או"ח סי' ב'): **אל יאמר הנני בחדרי חדרים מי רואני כי הקב"ה מלא כל הארץ כבודו** - "דער מענטש זאָל נישט זאָגן איך בין דאָך אין אַ פאַרמאַכטע צימער ווער זעהט מיך דען? ווייל השי"ת געפינט זיך איבעראַל!"

עס איז מערקווירדיג וואָס הרה"ח ר' מרדכי וויינשטיין ז"ל האָט עדות געזאָגט: "איך האָב זוכה געווען צו זיין ביים חפץ חיים זצ"ל דעם לעצטן "כל נדרי", דער חפץ חיים איז געווען גאָר שוואַך, טראָצדעם האָט ער געזאָגט דברי התעוררות בערך אַ שעה צייט. איבער וועלכן ענין, איבער צניעות. - ערקלערנדיג אַז אפילו אין שטוב דאַרף מען היטן אויפן צניעות קרוין, אויב נישט קען מען נישט זאָגן דאָרט קיין ברכות. אויב די פרוי איז נישט בצניעות אין שטוב, טוט זי מיט געוואַלד פאַרדאַרבן דאָס אידיש געפיל פון האַרץ, דאָס יראת שמים וואָס ליגט אין איר טוט אויסוועפן!

ווער עס וויל זיין נאָנט מיט השי"ת - האָט דער חפץ חיים געזאָגט - ווער עס וויל אַז די שכינה זאָל רוען אין הויז, ווער עס וויל כפרת עוונות, דאַרף טוהן די דאָזיגע מצוה: **זיין בצניעות אפילו אין שטוב!**

*

לאָמיר דאָ ציטירן עטליכע זאַצן פון זוהר הקדוש (פר' נשא דף קכ"ה): ר' חזקי' האָט געזאָגט, אַ קללה זאָל קומען אויף דעם מאַן וועלכער לאָזט דאָס ווייב אַז די האָר זאָל זיך אַרויסזעהן אויסערן טיכל. דאָס איז אַ צניעות וואָס ברויך זיין אויך אין שטוב. די פרוי וואָס דעקט אויף אירע האָר ברענגט אָרימקייט אין שטוב. עס שאַדט פאַר אירע קינדער און פאַר איר מאַן. עס מאַכט רוען אַ טומאה אין שטוב. כל שכן אויב דאָס איז אויף די גאַס. די פרוי זאָל אַכט געבן אַז אפילו די באַלקאָן פון איר שטוב זאָל נישט זעהן קיין איין האָר פון איר קאָפּ. אויב טוט זי אַזוי וועלן אירע קינדער זיצן אַרום איר טיש פונקט ווי איילבירטן ביימער וועלכע האַלטן זיך סיי ווינטער סיי זומער, אַזוי וועלן אירע קינדער אין אַלע צייטן שטיין

העכער מיט זייער חשיבות ווי אַנדערע מענטשן פון דער וועלט. איר מאַן וועט געבענטשט ווערן מיט רייכקייט, מיט קינדער און אייניקלעך! (ועיין בשו"ת חת"ס סי' ל"ו).

דער פלא יועץ שרייבט אין זיין ספר חסד לאלפים (או"ח סי' ג' סק"ד): "כמעט דאָס גאַנצע עולם הבא פון די פרוי ווענדט זיך אין איר צניעות!"

*

חז"ל זאָגן (מגילה י') אַז דעריבער האָט תמר זוכה געווען אַז פון איר איז אַרויסגעקומען קעניגן מיט נביאים [דוד המלך שלמה המלך וכו' ישעיה הנביא] - ווייל זי האָט געהאַט אַ ספּעציעלע מדרגה אין צניעות, אַז איר פנים איז שטענדיג געווען צוגעדעקט, און נישט נאָר אויף די גאַס נאָר אויך ביי איר שווער יהודה אין שטוב איז זי געווען פאַרדעקט, אַז איר שווער האָט קיינמאָל איר פנים נישט געזעהן אין שטוב.

לאָמיר זיך מתבונן זיין אין אָט די גמרא: צודעקן דעם פנים מיט אַ שלייער איז נישט קיין הלכה, דאָס איז גאָר אַ גרויסע חומרא אין צניעות, אַנדערע צדקניות זענען נישט אַזוי געגאַנגען ווייל אויב יאָ וואָלטן זיי אויך זוכה געווען צו דעם גאָלדענעם קייט, קיינער האָט איר נישט געהייסן אַזוי גיין, נאָר אירע טייערע געפילן האָבן געמאָנט פון איר דעם מאַקסימום באַשיידנקייט וואָס מעגליך, ביז זיך צודעקן דעם פנים כמעט אינגאַנצן. מען קען אַזוי אויך לעבן, אַבי פאַרשאַפן ווי מער נחת רוח פאַר השי"ת וועלכער האָט זייער ליב צניעות. דעריבער האָט זי זוכה געווען אַז פון איר ציט זיך אַרויס דאָס מלכות בית דוד, דער מלך המשיח וואָס גאַנץ כלל ישראל בעט און וואַרט שוין אויף אים אַזויפיל יאָר קומט אַרויס פון איר, וואָס ווען זי וואָלט נישט געטוהן די חומרא וואָלט זי דאָס פאַרפאַסט!

*

אין שאלות ותשובות הגרש"א אלפנדרי (סוף חלק ב') שטייט: איך וועל פאַרצייכענען וואָס דער בעש"ט הקדוש זי"ע האָט אַנטפּלעקט אין די שטאָט איסטאַמבול (זייענדיג אויפן וועג קיין ארץ ישראל זיך צו טרעפן מיט'ן אור החיים הקדוש האָט ער ווי באַוואוסט זיך אָפּגעשטעלט אין איסטאַמבול) זאָגנדיג: "כ'זעה דאָ יונגעלייט וועלכע פאַרמאָגן נשמות אַזוי ווי די הייליגע תנאים, די דאָזיגע נשמות האָבן די מאַמעס אַראָפּגעבּרענגט דורך זייער גרויסע מאָס צניעות!"

חז״ל דערציילן (שבת נ״ג) אַ מעשה פון אַ איד וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרוי וואָס עס האָט איר געפעלט אַ האַנט ל״ע, און ער האָט דאָס נישט באַמערקט ווי לאַנג זי האָט געלעבט ביז׳ן טאָג פון איר שטאַרבן! - האָט רב מספיד געווען די פרוי: ״קוקט נאָר וואָספאַראַ צנועה זי איז געווען, אַז איר אייגענע מאַן האָט איר נישט אַרויסגעזעהן!״ - רופט זיך אָן רבי חייא: ״מילא, אַ פרוי איז דאָך אין די נאַטור אַ צנועה, דאָס ליגט דאָך אין די נאַטור פון אַ פרוי צו זיין גוט באַדעקט און אַרומגענומען, דער וואונדער איז אויף דעם מאַן, וואָספאַראַ אָפגעהיטענע אויגן ער האָט, אַז ער האָט נישט באַמערקט במשך פון די אַלע יאָרן אַז פאַר זיין פרוי פעהלט אַ האַנט!״

יאָ, אַזעלכע ״פשוט׳ע״ אידן האָבן געלעבט אין די צייטן פון חז״ל!

*

הרבנית מרת לאה קרליץ ע״ה די מוטער פונעם חזון איש זצ״ל - וועלכע האָט גע׳שמ׳ט מיט איר אויסערגעוועהנליכע צניעות - פלעגט זאָגן פאַר יעדעם: ״אויב וויל מען קינדער תלמידי חכמים זאָל מען אַכט געבן אַז די ערמל זאָלן גוט באַדעקן די גאַנצע האַנט!״

*

אין ספר מחניך קדוש (אות י״ד) שטייט: יעדער ירא שמים זאָל אָפשמועסן קלאָר בשעת׳ן שידוך שליסן בשטומ״צ, אַז די כלה זאָל זיך קליידן כדת משה וישראל, די ערמל זאָלן באַדעקן די גאַנצע האַנט ביז׳ן געלענק, דאָס האַלז זאָל זיין גוט באַדעקט פון אַלע זייטן, און די קליידער זאָלן זיין גענוג לאַנג!

*

ביי געוויסע פרויען הערשט ליידער אַן אומוויסנדקייט מיינענדיג אַז צווישן משפחה מיטגלידער - צ.ב.ש. שווער, שוואָגער, נעפיו - דאַרף מען זיך נישט אויפפירן באַשיידן. דאָס איז אַ גרויסער טעות! אין שולחן ערוך (אה״ע סי׳ כ״ב) זעען מיר פונקט פאַרקערט, ביי קרובים דאַרפן מיר פיל מער אַכט געבן אויף די אַלע ענינים.

עס ליגט אַן אחריות אויפ׳ן ראש המשפחה אַכט צו געבן אַז עס זאָל הערשן אין שטוב די ריכטיגע צניעות און איידלקייט, בפרט ביים צוזאַמקומען ווי ימים טובים אָדער שמחות.

אלול תשל"ה

אַזוי ווי עס איז יעדער לעצטנס נפרץ געוואָרן אַז פרויען טוען אָן שייטלען וועלכע זעען אויס פונקט ווי זי וואָלט געגאַנגען ח"ו מיט אייגענע האָר, זעען מיר פּאַר אַ פליכט מודיע צו זיין דעם דעת תורה הקדושה אַז דאָס איז אסור על פי הלכה. ווייל אפילו אין די פלעצער וואו מען האָט מקיל געווען אין שייטלען, איז קיינעם נישט בייגעפאַלן אויף אַזעלכע שייטלען וועלכע זענען געמאַכט פונקט ווי די פרוצות ח"ו וואָס מען דערקענט נישט קיין חילוק צווישן אַ פאַרהייראַטע פרוי און אַ מיידל. **אויף אַזאַ שייטל איז נישט פאַרהאַן קיין היתר!**

אַזוי אויך דאַרף מען אַכט געבן אויף אַלע קליידער עס זאָל זיין בצניעות און באַשיידן נישט ציענד און שרייעדיג, אַזוי ווי אונזערע מאַמע'ס האָבן אויף דעם אַכט געגעבן און געשטרעבט. חלילה נאָכגיין די גוֹיִמישע מאָדע פון די גוים.

אין זכות פון צניעות וועלן מיר האָבן ערליכע און גראָטענע קינדער, אַזוי ווי קמחית האָט זוכה געווען צו זיבן זוהן כהנים גדולים צוליב איר גרויסע מאָס צניעות וואָס זי האָט פאַרמאָגט.

**בנימין יהושע זילבער**
בני ברק

**יצחק צבי ברש"י בערנפעלד**
אב"ד חוג חתם סופר

**משה מרדכי בידערמאַן**
האדמו"ר מלעלוב

**נחמן כהנא**
האדמו"ר מספינקא

**שמואל הלוי וואזנער**
אב"ד זכרון מאיר בני ברק

## ראַדיאָ

- אַ שטוב וואו עס ווערט געהערט ראַדיאָ, טוט איינזאַפּן אין זיך די טומאה פון די ראַדיאָ און טוט מטמא זיין אַלע וואָס געפינען זיך אין דעם שטוב! (הגאון חזון איש זצ"ל)
- מיר זענען עדות אויף אידישע שטיבער וועלכע זענען צוגרונד געגאַנגען ווייל זיי האָבן אַריינגעברענגט די ראַדיאָ אין שטוב! (הב"ד צדק דעדה החרדית שנת תשט"ו)
- די כלי משחית די ראַדיאָ שטופּט אַוועק די שמירה וואָס די הייליגע מזוזה לייגט אַרויף אויף דעם הויז צו באַשיצן פון שלעכטס! (הגר"ש וואָזנער שליט"א)

**אַכטונג חשוב'ע פרויען און מיידלעך!**




די אַקציע קאָסט נישט קיין געלט

**ביטע גיין אָנגעטוהן בצניעות!!!**

# די זיבערע הצלה - פאַר די וועלט'ס בהלה

דורך: שלום זיכערמאַן

וואונדערליכע זאַכן פּאַסירן אויף דער וועלט,
קיינער איז נישט פאַרזיכערט מיט'ן לעבן, און געוויס נישט מיט'ן געלט
אין די גרעסטע שטעט טוט זיך אַ רעש,
פון די העכסטע בנינים איז געבליבן אַ הויפן אַש.
טויזנטער מענטשן אין איין שטונדע אומגעקומען,
ווער קען דאָס הערן און נישט ווערן איבערגענומען.
עס שטייען פּאָליציי און סאָלדאַטן אין אַלע עקן,
מ'טוט זיך פאַר'ן אייגענעם שאָטן דערשרעקן.
די צרות וואָס מחלוקת ברענגט איז ממש אַ שרעק.
די תלמידי רבי עקיבא זענען צוליב דעם אַוועק,
יונגע מענטשן ווערן ל"ע אַוועקגעריסן,
טרערן פון די אויגן הערן נישט אויף צו פליסן.
עקסידענטן מערדערייען מיתות משונות,
אוי ווי, אַזויפיל טייערע קרבנות.
עפעס טוט זיך אַ ריזיגער טומל,
ווייל מ'רופט אַ בת-קול פון הימל.
אידן!! דאָס אַלעס איז נישט קיין חלום,
מ'רופט פון הימל: "לעבט בשלום".
די משנה זאָגט, דער וועלט האָט זוילן דריי,
און שלום איז איינס פון זיי.

צדיקים האָבן געזאָגט אַז דער לעצטער דור פון "עיקבתא דמשיחא" וועלן פאַרמאָגן די נשמות פון דור המבול. - וויאַזוי קען מען זיך ראַטעווען פונעם מבול? זיך בויען אַ תיבה און אַריינגיין. אָט דאָס איז אַ "אידיש הויז", אַ פעסטונג אַקעגן די בייזע שטורמיגע וואַסערן. ווי נאַר'יש איז דער וואָס שלעפט אַריין דעם מבול אין די תיבה אַריין, ער ברענגט אַריין מחלוקת, לשון הרע, טמאַ'נע ליין מאַטעריאַל, בגדי פריצות, ראַדיאָ, אינטערנעט, אין די תיבה אַריין.

דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן ווייל שלום האָט געפעלט,
און ביז ס'וועט נישט זיין שלום קען עס נישט ווערן צוריק אויפגעשטעלט.
לְמַעַן אַחַי וְרֵעָי "אֲדַבְּרָה נָא",
"נָא" מיינט תפילה, דער פסוק וויל אונז זאָגן דאָ.
כדי די תפילות זאָלן ווערן אָנגענומען פעלט דאָך,
די הויפט סגולה פון "שָׁלוֹם בָּךְ".
איר האָט זיכער געהערט דערפון,
אויפ'ן פסוק בֵּין דָּם לְדָם "בֵּין דִּין לְדִין".
דִּבְרֵי רִיבֹת בִּשְׁעָרֶיךָ, איז דער גורם פאַר דעם,
מחלוקת ברענגט דאָך צו יעדע פּראָבלעם.
אויב מיר וועלן לעבן בשלום, קען מען זיין זיכער,
משיח צדקינו וועט קומען ווי גיכער.

